# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

גליון 19 | פרשת **וארא** תש"פ


לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# אמת'ע "סעלף קאנפידענץ"

ארויסגענומען פון ליקו"ת סי' פ"ו. שיחות הר"ן, ק"מ

פאַרוואָס גלייבן נישט אידישע קינדער אין משה רבינו אַז ער גייט זיי אויסלייזן? | וואָס האָט "אמונה בעצמו" מיט די אמונה אין הקב"ה? | פון וואַנעט נעמט זיך דער טעות אַז מענטשן טוען אונטערשאַצן זייער אייגענע עבודה?

אַ אינטערסאנטע זאך פארציילט אונז דער הייליגער רבי נתן: פונקט אזויוי עס מאכט זיך צומאל אז א מענטש פאלט ארויס פון עבודת ה' צוליב דעם וואס דער בעל דבר שטעלט אונטער פאר'ן מענטש אזעלכע נסיונות אז דער מענטש שפירט אז דאס איז אים צו **שווער** בייצוקומען - אזוי אויך קען א מענטש אמאל בלייבן שטעקן פון צו טוהן א געוויסע עבודה צוליב דעם וואס עס קומט אים אָן צו **לייכט** בייצוקומען...

נישט אייביג בלייבט טאקע דער מענטש גענצליך שטעקן פון צו טוהן די עבודה צוליב דעם, נאר אפילו ווען ער טוהט שוין יא די מצוה, פעלט אים אבער די שמחה און די פרישקייט און די אמונה וואס ער וואלט געדארפט האבן צוגייענדיג צו די מצוה - אז דער באשעפער טשאַטשקעט זיך איצטערט מיט זיין עבודה.

לאמיר דאס צונעמען ווי פאלגענד. יעדער איד גלייבט זיכער אז דער באשעפער איז זיך משעשע און ערווארט אויף זיינע תפילות און אויף זיין לערנען. אבער צומאל טראכט דער מענטש צו זיך, אז דאס אלעס איז טאקע פיין און וואויל ווען איך דאווען א יעדעס ווארט פונעם דאווענען מיט די זעלבע מאס התפשטות הגשמיות און דביקות צום בורא עולם געגוי אזויוי די הייליגע תלמידי בעש"ט פלעגן צו דאווענען, אדער ווען איך וועל לערנען מיט אט די התמדה אזויוי דער הייליגער רבי עקיבא אייגער און דער הייליגער חתם סופר פלעגן צו לערנען, אכצן שעה רציפות, מיט די זעלבע מאס קדושה וטהרה און תורה לשמה, נאר דעמאלטס איז דא א רעדע אז דער באשעפער זאל זיך דערקוויקן מיט מיין עבודה, אבער ווילאנג איך קען נישט צושטעלן אט די גאנצע פעקעדש פאר'ן אייבערשטן, איז וועלכע נחת רוח האט שוין דער אייבערשטער פון דעם? איך האב נישט וואס צו ערווארטן אז דורך אזעלכע תפילות פון אזא ווייטע מענטש אזויוי איך בין, זאל איך אמאל ווערן אויסגעלייזט פון מיינע אלע צרות ברוחניות אדער בגשמיות...

צומאל מאכט זיך אויך, אז דער מענטש איז שוין מקיים די מצוה, ער טוהט שוין אָן די תפילין, אבער ער קלערט צו זיך: דאס איז חשוב ביים באשעפער? אויב איך וואלט געפראוועט אסאך תעניתים און שווערע סיגופים, דעמאלטס פארשטיי איך אז דער אייבערשטער האט הנאה פון דעם, אבער אזא פשוטע און גרינגע זאך ווי תפילין איז דאך גארנישט, פארוואס זאל איך האלטן אז דער אייבערשטער פריידט זיך מיט דעם?.

אין קורצן: ביי אט די אלע אויבערדערמאנטע דוגמאות און ענליך צו דעם, שפירט דער מענטש, אז ווילאנג ער צערייסט זיך נישט און צעפליקט זיך נישט איבער זיינע כוחות פאר'ן אייבערשטנס וועגן, האט זיין עבודה נישט קיין שום חשיבות ביים באשעפער. נישט נאר זיין עבודה האט נישט קיין חשיבות נאר אפילו ער אליין איז אויך נישט חשוב ביים באשעפער. און דאס קען זיך אמאל דערקייקלען אויף אזוי ווייט, אז דער מענטש זאל זיך גענצליך אפהאלטן פון צו טוהן בכלל, וויבאלד: טוהן אסאך - איז ער דאך נישט אייביג מסוגל, און טוהן אביסל, האלט ער דאך - איז גארנישט ווערד, קומט אויס, אז ער בלייבט אינגאנצן אויסגעשפילט.

> **צענדליגער און טויזענטער תעניתים און סיגופים וועלן בשום אופן נישט קענען דינען אַלץ אויסטויש מיט די תיקון וואָס אַ מענטש איז זוכה זיך מַשלים צו זיין יעדן אינדערפרי בשעת'ן ארומדרייען די רצועות פון די תפילין אַרום זיין האַנט!!!**

דער הייליגער רבי איז אבער מגלה, אז די שורש פון די פראבלעם נעמט זיך פון דעם אז עס פעלט פשוט פאר'ן מענטש אביסל אמונה! און צו די פארוואונדערונג פון די ארומיגע דעמאלטס, האט דער רבי ענטשיידעט זיין כוונה, מיטן אויסדרוק: **הָאסְטִי אִין דִּיר קַיין אֱמוּנָה נִיט!** יא, עס פעהלט דיר **אמונה בעצמו**, דאס הייסט: "גלייבן אין די זעלבסט ווירדע" - אז מיין עבודה איז חשוב ביים באשעפער!.

איין מינוט. איך פארשטיי נישט וואס דא גייט פאָר? איך האב געוואוסט אייביג אז מען דארף גלייבן אינעם "אייבערשטן" און אז מען דארף גלייבן אין די "צדיקים", אבער אז איך זאל גלייבן אין "זיך זעלבסט"? וואספארא נייע סארט גלויבן איז דאס? און וואס טוהט זיך מיט גאוה?

ווי וואונדערליך איז אבער רבי נתן מסביר, אז דאס וואס א איד דארף גלייבן אין **זיך** זעלבסט, איז געקניפט און געבינדן און איז איינס - מיט די אמונה אינעם **אייבערשטן!!!**. וואס הייסט? דאס הייסט אזוי: אוודאי דארף א מענטש וויסן זיין שפלות און זיין ווייטקייט פונעם אייבערשטן, אבער פונקט אזוי דארף אויך א מענטש וויסן און גלייבן פון די אנדערע זייט, אז אזוי גרויס ווי דער אייבערשטער איז, אזוי גרויס איז אויך דעם אייבערשטנס ענדלאָזע רחמנות, און אז דער אייבערשטער מיט זיין געוואלדיגע רחמנות לאזט זיך ווירקליך


המשך בעמוד ב'


## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה*** (ו, ט)

מבואר בילקוט ראובני: **משום דחזו דלא הוי בהון עובדין כשרין וטבין** (לא האמינו במשה, כיון שראו שאין בהם מעשים כשרים וטובים). כי דרך היצה"ר שמְעקם את לב האדם עד שאומר; וכי ראוי אני שיעשה לי השי"ת נסים ויגאלני - הלא אני יודע חטאי ופשעי המרובים? ובאמת זה ענווה פסולה, כי בוודאי צריך להכיר חסרונו, אבל אעפ"כ יבטח על חסדי השי"ת שיגאלנו גאולה שלימה אע"פ שאיני כדאי כלל!

*(ליקו"ה תפילין ה"ו, ל"א)*

***וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה*** (ז, יג)

כשרואה הסט"א שאחד מישראל רוצה לצאת מגלות נפשו המתגברים עליו וצועק להשי"ת ומכניעם אזי חוזרים ומתגברים. כמו פרעה, שבכל מכה נכנע קצת אבל אח"כ חזר ונתגבר, פעם אחר פעם. וע"כ צריכין תמיד לצעוק אל ה' **כי זה מועיל תמיד, יהיה איך שיהיה!**

*(ליקו"ה שלוח הקן ה"ד, ו')*

### שובבי"ם

***שׁוּבוּ בָנִים שׁוֹבָבִים*** (ירמי' ג, יד)

ענין **שובבים** שנוהגים הכשרים להתענות ולצעוק להשי"ת בתפילות וסליחות, כי באלו הימים קורין בענין גלות מצרים וגאולתם שהיה ע"י צעקה, וכמו"כ צריכין עתה בגלות הזה. כי עיקר כל הגליות והצרות הם ע"י חסרון הדעת - שאינו חושב על תכליתו הנצחי, שזהו לשון **שובבים** שכל אחד הולך כמו משוגע **ושובב** ממש (כמ"ש: "וילך שובב בדרך לבו" (ישעי' נז, יז)). וכשיבין האדם כל זאת בוודאי יצעק הרבה להשי"ת, ועי"ז יזכה לגאולה לפי בחינתו.

*(ליקו"ה גילות ה"ד, ח')*


ב"ה
אין ברסלב ברענט א פייער
מערכת ברסלב
646 585 2985
ארץ ישראל 02.560.7387



יוצא לאור ע"י **אברכים דחסידי ברסלב** ברוקלין יצ"ו | להערות והארות, לתרומות והנצחות נא לפנות: 347.974.1220 | לקבלת הגליון באימעיל: Cn.Breslev@gmail.com

*המשך מעמוד א'*

אראפ צו מקבל זיין תענוגים און שעשועים פון א יעדע פשוטע קליינע תנועה'לע וואס איך טוה פאר זיינעט וועגן, כאטש עס ווערט אפגעראכטן דורך אזא ווייטע מענטש אזויווי איך בין! און אז א מענטש פארמאגט נישט אט די אמונה, די ריכטיגע 'סעלף קאנפידענץ', דאן פעלט אים פשוט אמונה אין די רחמנות פונעם אייבערשטן אליין! נורא נוראות!

א איד דארף געדענקען: כאטש מען דארף שטרעבן צו קענען אנקומען צו אזא מדריגה - צו טוהן פאר'ן אייבערשטן אלעס אין דער וועלט, אפילו די שווערסטע עבודות, מיט דעם אלעם ווערט אבער נישט אייביג זיין עבודה געמאסטן נאר אין דעם, ווי גלייך אויב קען ער נאר טוהן אביסל איז דאס גארנישט ווערד - ניין! צומאל קען די גרינגערע עבודה זיין אסאך אסאך טייערער און חשוב'ער ביים באשעפער! ווענדט זיך נאר אין וועלכע מענטש, און אין וועלכע אומשטענדן. אז א מענטש וועט פראווען צענדליגער און טויזענטער תעניתים און סיגופים וועט דאס בשום אופן נישט קענען דינען אלץ אויסטויש מיט די תיקון וואס א מענטש איז זוכה זיך מַשלים צו זיין יעדן אינדערפרי בשעת ער דרייט ארויף די רצועות פון די תפילין ארום זיין האנט!!!

אידישע קינדער זענען געווען אזוי אונטערדריקט און פארשקלאפט אונטער די נעגל פון די מצריים, אזוי ווייט, אז זיי זענען שוין אריינגעפאלן אין אט די טעות, אז צו מאכן א נחת רוח פאר'ן אייבערשטן איז נאר מעגליך דורכ'ן ארבעטן ביטער שווער - עבודת הפרך, און ווען דער אייבערשטער שיקט משה רבינו אנזאָגן פאר כלל ישראל די פרייעדיגע בשורה אז אט אט ווערן זיי שוין אויסגעלייזט פון קנעכטשאפט און זיי וועלן פון היינט און ווייטער קענען דינען דעם אייבערשטן גרינגערהייט אויף דער פריי, דערציילט אונז די תורה א וואונדערליכע פאסירונג: **וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל מֹשֶׁה** זיי האבן אים נישט געגלייבט. לכאורה ווי קען דאס זיין? דער תירוץ דערויף שפעטיגט אבער נישט צו קומען ווען די פסוק פירט אויס **מִקֹּצֶר רוּחַ** אויף וואס דער רבי טייטש דאס אויס אלץ א לשון פון 'ווייניג אמונה' (עי' בפנים, סי' פ"ו תנ'), און דעריבער, זאגט די תורה ווייטער **וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה** אז אידישע קינדער האבן געמיינט אז דער אייבערשטער וויל בלויז זייער עבודה אויב מען רייסט זיך איבער אלע כוחות, ווי גלייך נאר אזוי האט די עבודה עפעס א ווערד...

ווען דער אייבערשטער האט אבער מכניע געווען אט די גרויזאמע קליפה פון פרעה דורך די אלע מכות און איבערהויפט נאך וואס אידישע קינדער זענען ארויס פון מצרים און האבן מקבל געווען די תורה אויפן בארג סיני, דאן זענען זיי געוואָר געווארן אז א איד קען דערפרייען דעם אייבערשטן מיט יעדע זאך, אפילו מיט א קלייניקייט. אבער דאס איז וואס אמאל זיכער, אז דער אייבערשטער איז זיך שטענדיג מתפאר מיט יעדע איינציגסטער קינד זיינער, אזוי צו אזוי!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# א צעמישטע גוט מארגן...

די ווענט פונעם הויז האבן געשריגן אלטקייט און ארעמקייט ווען די ירושלימ'ער שטיינערנע ווענט זענען געווען לייכט באלאכטן מיט א ארעמע שיין. א קליין צעבראכן טישל איז געליגן ביים עק פונעם צימער, און צוויי האלב-איינגעפאלענע קעסטלעך וועלכע האבן געדינט אלס בענקלעך האבן באקרוינט דעם טיש. רבי שלמה וועקסלער, פון די דערהויבענע בני עליה פונעם רבי'נס חדר, איז געזיצן איינגעבויגן איבער א ליקוטי מוהר"ן ביים טישל, ווען גארנישט פונעם ארום טוט אים שטערן.

זיין פרוי דאקעגן, איז געווען ארומגענומען מיט זארג, "וואס וועט זיין מיט אונזער טאכטער וואס איז שוין אין די יארן, און מיר פארמאגן ניטאמאל אויף די מינימאלע הוצאות איר חתונה צו מאכן" - האט זי געטראכט צו זיך מיט ביטערניש.

אין איר פארלעגנהייט האט זי גענומען די קוראזש צו שטערן איר דערהויבענעם מאן וועלכע האט זיך גאנץ ווייניג געקימערט איבער'ן עולם הזה, זיין גאנצע לעבן האט ער בלויז געווידמעט אריינצוכאפן נאך זכותים צום אייביגן וועלט, צום עולם הבא. "שלמה", האט זי זיך געוואנדן צו אים, "וואס וועט זיין מיט געלט חתונה צו מאכן אונזער גרעאטענעם טאכטער? מיר פארמאגן דאך גארנישט אין שטוב, און ווער רעדט נאך פון א שטיקל נדן צו געבן...".

ר' שלמה האט אויפגעהויבן זיין לעכטיגן געזיכט, און מיט א שמייכל געזאגט צו זיין ווייב, "פארוואס דארפן מיר זארגן, דער אייבערשטער וועט אוודאי העלפן, הבוטח בה' חסד יסובבנו".

*

הער גאָדענבערג, א בערלינער איינוואוינער, איז געווען א איינשטענדיגער מאן און אן ערליכער איד, וועלכער האט פארמאגט ברייטפארצווייגטע געשעפטן איבער גאנץ אייראפע וועלכע ער האט געפירט מיט א פונקטליכע גענויטשאפט, זייענדיג א דייטשער יעקער. אין איינס פון די טעג האבן זאכן אנגעהויבן פארן אין א נישט גוטע ריכטונג, ווען א ריזיקאלישע אינוועסטמענט האט אנגעהויבן ציילן צייכענעס פון גסיסה. די פאקט אז גאדענבערג איז געווען א אויסגערעכנטער יעקער האט אים גאר צעשטורעמט און ער האט נישט געזעהן פאר זיך א וועג ארויס פונעם שווערן פלאנטער.

אין א שווערע מינוט, ווען גאדענבערג האט געזעהן פאר זיך זיין ביטערן מצב, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום אייבערשטן און פארשפראכן אז אויב ער וועט אויסגעלייזט ווערן פון זיין פלאנטער וועט ער ארויפגיין קיין ירושלים עיה"ק און ער וועט ביישטייערן א באדייטנדע סומע געלט פארן ערשטן ירושלימ'ער איד וואס ער וועט באגעגענען.

הער גאדענבערג'ס תפילה איז אנגענומען געווארן און ביז א קורצע צייט האבן זיך אלע פראבלעמען ווירקליך אויסגעקלארט. גאדענבערג האט מחליט געווען אז יעצט איז געקומען די צייט צו ערפיהלן זיין צוזאג און האט אוועקגעשטעלט איינעם וועלכע זאל דערווייל פירן די ביזנעס, און האט זיך ארויסגעלאזט קיין ארץ ישראל ווען אין זיין האנט האלט ער א פעקל באנקנאטן...

*

ירושלים של מעלה. די געסאלאך זענען ארומגענומען מיט א שטילקייט, און זענען לייכט באלאכטן מיט די איידעלע שיין פונעם לבנה וועלכע גרייט זיך אט צו פארלאזן די נאכט. פארטאגס, אין איינס פון די ארעמע הייזער גרייט זיך א איד צו פארלאזן זיין הויז אנצוהייבן מיט זיין עבודת היום. די קעצלעך שפרינגען אויף מיט אנגסט צו די קול פונעם אלטן טיר וועלכע קריצט צום פארזשאווערטן ריגל. ר' שלמה באווייזט זיך ביים טיר, ווען זיין פנים שטראלט פאר שמחה צו די זכי' אז ער קען אויפשטיין צו נאך א טאג דינען דעם אייבערשטן, און שפאנט זיינע טריט פלינקערהייט אין ריכטונג פון ביהמ"ד.

ר' שלמה דרייט זיך איין אין א שטילע געסל וועלכע איז באוואוינט מיט בלויז געציילטע איינוואוינער, און אט קומט אים אנטקעגן א איד באקליידעט מיט א רייכע אנצונג, וועלכע באגריסט אים מיט א ווארעמע גוט מארגן. ר' שלמה ענטפערט אים מיט א צוגעלאזענע "גוט יאר", און וויל גיין ווייטער אין וועג, אבער דער איד, הער גאדענבערג, האלט אים צוריק און פארקירעוועט מיט אים א קורצע געשפרעך, פרעגנדיג איבער זיין נאמען און וואוינארט, ווען הערשט דאן געזעגנט ער זיך אפ פון אים.

הער גאדענבערג איז געווען צעשוידערט איבער דעם ספעקטאקל. ער איז שוין געווען גרייט אים איבערצוגעבן דעם הויפן געלט, אבער נאכן זעהן פון דער נאנט זיין געשטאלט, האט ער באקומען א געפיהל אז ר' שלמה איז נישט דער ריכטיגער קאנדידאט ביי וועמען מקיים צו זיין דעם מצות צדקה... ר' שלמה האט קיינמאל נישט צוגערירט זיין דיוקנא קדישא און אלס רעזולטאט איז ער געווען באוואקסן מיט לאנגע קאלטענעס וועלכע האבן אים געמאכט אויסזען ווי א צעשטרויבעלטע מאדנער מאן. גאדענבערג האט נישט געוואוסט וואס צו טוען מיט זיך, און זייענדיג א יעקער האט ער מורא געהאט אז מיטן געבן דאס געלט פאר אזא פארשוין וועט ער נישט האבן מקיים געווען זיין הבטחה, און האט באשלאסן אנצופרעגן ביים גרויסן ירושלימ'ער רב, רבי יוסף חיים זאנענפעלד, וואס צו טון.

אינעם קומענדיגן צופרי האט זיך גאדענבערג געשטעלט אויפן שורה אין שטוב פונעם רב. ווען רבי יוסף חיים האט געהערט די שטוינענדע געשיכטע פון דעם איד און זיין פארלעגנהייט, האט ער זיך אנגערופן צו אים:

"דער רבוש"ע האט דיר געהאלפן, האסט אנגעטראפן דעם ריכטיגן מאן פאר וועמען צו געבן דאס געלט!" - איז געווען די אנטווארט פונעם רב.

**הבוטח בה' חסד יסובבנו!**

**ואלו יעמדו על הברכה**

מוה"ר **אפרים רובין** הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל אירוסי בתו למז"ט
**התנאים יום א' בא**
**באולם פרדס משה**
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **דוד שווארץ** הי"ו
בארא פארק
שתרם 500 גליונות
לרגל תגלחת בנו הילד
כמר נחמן נ"י
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יושע צבי פריעדמאן** הי"ו
מאנסי
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **חיים צבי שטיינבערג** הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל נישואי בנו בשעטומ"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **שמואל ארי' אדלער** הי"ו
קרית יואל
שתרם 500 גליונות
לרגל אירוסי בתו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **אפרים פישל מינצבערג** הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יעקב אילאוויטש** הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יעקב בריינעס** הי"ו
מאנסי
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **דוד רובין** הי"ו
קרית יואל
שתרם 500 גליונות
לרגל אירוסי בתו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה